**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער ניו יארק טעקסטיל געזעץ צו פארשטערקערן ניו יארק פאבריצירונג אינדוסטריע**

***לעגיסלאציע (S.8741A/A.9649A) פארברייטערט סטעיט פעאיגקייטן צו שטיצן באשעפעניש און פלאנצונג פייבער וואקסן, פראצעסירן און טעקסטיל פאבריצירונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.8741A/A.9649A) צו שטיצן ניו יארק׳ס טעקסטיל פאבריצירונג אינדוסטריע דורך עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען. די פראגראמען רעכענען אריין פארברייטערן פאַרם אנערקענונג אויסצייכענונגען, סטעיט איינשאפונג פראצעס טרענירונג פאר קלענערע ביזנעסער, און דער עקסעלסיאָר דזשאבס פראגראם פאר פארבינדענע ניו יארקער פראדוקטן און פראצעסן.

״מיר פאראייניגן שטארקע אינוועסטירונג אין סחורות געוואקסן און פאבריצירט אין ניו יארק, העלפנדיג פארזיכערן אז אונזערע ביזנעסער בלייבן שטארק און אינאוואטיוו,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ אונטערצושרייבן די לעגיסלאציע, וואס וועט שטיצן ניו יארקער פאַרמער און לייגן דעם פונדאמענט פאר פארברייטערן די אויפשטייגנדע סחורה אינדוסטריעס וואס וואוינען דא אין דעם סטעיט, העלפנדיג צו טרייבן עקאנאמישע אויפשטייג פאר צענדליגע יארן אינעם צוקונפט.״

לעגיסלאציע (S.8741A/A.9649A), א נאמען געגעבן דעם ׳ניו יארק טעקסטיל אקט׳, וועט באהעפטן פאַרמער וועלכע פראדוצירן פלאנצונג אדער באשעפעניש פעדימער מיט דער סחורה אינדוסטריע, שטאנדהאפטיגע אנטוויקלונג און נייע מארקעטינג געלעגנהייטן פאר פלאנצונג און באשעפעניש פעדימער וואס וואקסן אין ניו יארק. דורך זיך אנשפארן אין די ארטיגע פארלאנג פאר טעקסטילס, וועלן ניו יארק געוואקסענע פייבער פון העמפ, שאף, ציגן, אלפאקא און אנדערע מקורות שאפן נייע געלעגנהייטן פאר פאַרמס און סחורה פראדוצירער.

דער אקט טוט ספעציפיש:

- אוועקשטעלן באגרעניצונגען אויף איינקויפן לויט׳ן איינזען פאר פובליק אגענטורן אויף איינצוקויפן באשעפעניש אדער פלאנצונג פייבער פראדוקטן אדער טעקסטיל פראדוקטן פאבריצירט פון באשעפעניש אדער פלאנצונג פייבער געוואקסן אדער פראדוצירט הויפטזעכליך אין ניו יארק סטעיט;
- שטעלט אוועק א יערליכע ניו יארק באשעפעניש אדער געוויקסן פייבער און טעקסטיל פרייז געגעבן אין אנערקענונג פון אויסערגעוועגליכע באמיאונגען דורך פאַרמער, פייבער פראצעסאר, און טעקסטיל פאבריצירער, און טעקסטיל פאבריצירער און ריטעיל ביזנעסער פאר טעקסטילס פאבריצירט אין ניו יארק סטעיט פון באשעפעניש אדער געוויקסן פייבער געוואקסן אדער פראדוצירט הויפטזעכליך אין ניו יארק סטעיט;

- ענדערט דעם עקאנאמישן אנטוויקלונג געזעץ צו פארבעסערן עקזיסטירנדע פראוויזיעס מיט׳ן ציל פאר שטיצן די פארברייטערונג פון דעם באשעפעניש אדער געוויקסן פייבער פראדוקציע אינדוסטריע, ווי אויך פייבער פראצעסירונג און טעקסטיל פאבריצירונג;
- בויט אויף ניו יארק׳ס עקזיסטירנדע ׳געוואקסן און באשטעטיגט׳ פראגראם, צו פארזארגן מארקעטינג שטיצע פאר די פראדוקציע און פארקויפונג פון סחורה פראדוקטן פאבריצירט אין ניו יארק סטעיט פון באשעפעניש אדער געוויקסן פייבער געוואקסן אדער פראדוצירט הויפטזעכליך אין ניו יארק סטעיט;
- פארזארגט אויטאריזירונג פאר׳ן דעפארטמענט פון עקאנאמישע אנטוויקלונג צו ראטן בנוגע די פארשונג און אנטוויקלונג פון באשעפעניש און געוויקסן פייבער און פייבער סחורה פאבריצירונג אינדוסטריעס און אנווענדליכע פארשונג; און,
- שאפט א נאטורליכע פייבער טעקסטיל ארבעטס-גרופע, מיט׳ן קאמיסיאנער פון דעם דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס אלס פארזיצער, צו (א) העכערן די עקאנאמישע ביישטייערונגען און באשעפטיגונג געלעגנהייטן פארבינדן מיט באשעפעניש און געוויקסן פייבער אגריקולטור און טעקסטיל פאבריצירונג אין ניו יארק סטעיט; (ב) העכערן פריוואטע אינוועסטירונג אין, און אויסניץ פון, ניו יארק סטעיט פראדוצירטע און פראצעסירטע נאטורליכע פייבערס אין אלע קאטעגאריעס פון טעקסטיל; פאבריצירונג אריינגערעכנט קליידונג, היים טעקסטיל פראדוקטן, אינדוסטריעלע טעקסטילס און היים געזונטהייט באהאנדלונג פראדוקטן; (ג) פארבעסערן עפנטליכע פארשטאנד און שעצונג פאר נאטורליכע פייבער טעקסטילס; און (ד) העכערן עקספארט און מארקעט געלעגנהייטן פאר ניו יארק פראדוצירט נאטורליכע פייבער סחורות.

**סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך אויפצונעמען אונזערע באשעפעניש און געוויקסן פייבער סחורה פאַרמער אנטיילצונעמען אין דעם ׳ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט׳ פראגראם, וואס שטעלט צו נאך מארקעטינג און רעקלאמירונג געלעגנהייטן פאר די וועלכע פראדוצירן פראדוקטן צו א העכערע סטאנדארט און מיט אן אויג צו ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט. ארטיג-געשאפענע טעקסטילס, און די פאַרמער וואס פראדוצירן זיי, זענען א וויכטיגע טייל פון ניו יארק אגריקולטור, און מיר קוקן ארויס צו שטיצן אונזערע פראדוצירער בשעת זיי מאכן וואקסן זייערע ביזנעס, וועלכע וועלן דערנאך אונטערהייבן די סטעיט עקאנאמיע און אונזערע ארטיגע קאמיוניטיס.״

**סטעיט סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** ״מיר האבן געשאפן דעם ניו יארק טעקסטיל אקט צו מאכן ניו יארק אן עקאנאמישע און קלימאט-קעמפנדע גרויסמאכט אין פאַרם-געוואקסענע טעקסטילס און איר אונטערשרייבן היינט איז א ריזיגע געווינס וואס אינצענטיווירט די אויפשטייגנדע פראדוצירונג סעקטאר צו שטייגן גאר הויעך. אונטערגעטריבן דורך אונזער לעגיסלאציע, וועלן די סחורות פונעם צוקונפט וואקסן אויף ניו יארקער פאַרמס מיט קלענערע ביזנעס אינצענטיוון צו שטיצן א גאנץ-סטעיט׳יגע פאבריצירונג עקא-סיסטעם. ניו יארק וועט פירן אינאוואציע אין דעם סחורה געביט, און איך דאנק מיינע מיט-ספאנסירער פון דעם ביל, אסעמבלי-מיטגליד קערי וואערנער, פאר איר צוזאמארבעט אויף דער אינדוסטריע-אויפטרייבונג לעגיסלאציע און גאווערנער האוקול פאר׳ן עס אונטערשרייבן.״

**אסעמבלי-מיטגליד קערי וואערנער האט געזאגט,** ״היסטאריש איז ניו יארק געווען א פירנדער טעקסטיל פראדוצירנדער סטעיט. דער געזעץ אנערקענט די פאזיטיווע עקאנאמישע און ענווייראנמענטאלע ווירקונגען און די גרעניצלאזע פאטענציעל פון דעם באשעפעניש און געוויקסן פייבער סחורה אינדוסטריע אין אונזער סטעיט. דער נייער געזעץ וועט שטיצן און פארברייטערן אלע הינזיכטן פון שאפן פון באשעפעניש און געוויקסן פייבער הויכע קוואליטעט טעקסטילס און וועט העלפן עקזיסטירנדע פראגראמען ווי דער הודסאן וואלי טעקסטיל פראיעקט וואס בויט שוין איבער ניו יארק׳ס טעקסטיל אינדוסטריע. פון שטייער קרעדיטס און אריינגעמיגקייט אין די מארקעטינג פון סטעיט פראדוקטן, ביז טרענירונג וואס קען פירן צו סטעיט איינשאפונג קאנטראקטן טוט דער ביל אנערקענען די פאטענציעל פון

א שטארקע און ברייט-ארומנעמנדע טעקסטיל פאבריצירונג אינדוסטריע אין דעם סטעיט. איך בין ספעציעל באגייסטערט איבער אוועקשטעלן א יערליכע אויסצייכענונג אין אנערקענונג פון אויסערגעווענליכע באמיאונגען דורך אזעלכע אין סיי וועלכע הינזיכט פון געוויקסן אדער באשעפעניש פייבער טעקסטיל פאבריצירונג. ניו יארקער נעמען אן גערן א פארמעסט און איך ווייס אז מיר וועלן זען פאנטאסטישע אינאוואציעס מיט דער אינצענטיוו.״

ניו יארק איז דער קליידונג מאדע קאפיטאל פון דער וועלט, מיט איבער 900 קליידונג מאדע פירמעס הויפטקווארטירט אין דעם עמפייער סטעיט. ניו יארק איז היסטאריש געווען א פירנדער טעקסטיל-פראדוצירנדע סטעיט, און מאדערנע פראגראמען ווי למשל דעם ׳הודסאן וואלי טעקסטיל פראיעקט׳ האבן געארבעט צו ווידעראמאל פארשטערקערן ניו יארק׳ס טעקסטיל אינדוסטריע. דער ביל וועט פארזעצן ווייטער יענע איניציאטיוו, ארבעטנדיג צו פארברייטערן ניו יארק׳ס סחורה פראדוקציע פעאיגקייטן.

שטאנדהאפטיגע טעקסטילן זענען דער צוקונפט פון קליידונג מאדעס, און ניו יארק סטעיט שטייט גרייט צו פירן דעם וועג אין די עקאלאגיש פאראנטווארטליכע פראדוקציע פון די מאטעריאלן. קלוגע טעקסטילן זענען א טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע אינדוסטריע וואס האבן אנווענדליכקייטן פאר אומצאליגע פראפעסיעס, פון ספארטלער צו ערשטע רעספאָנדערס און מעדיצינישע פראפעסיאנעלן.

דער גאווערנער האט פריער אויסגעמאלדן 10 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירונג פאר דעם ׳פעשען אינאוואציע צענטער׳ (FIC), וואס וועט שטיצן א צוזאמגעארבעטע צוגאנג צו ניצן ניו יארק סטעיט פראדוצירטע ׳סמאַרט׳ און שטאנדהאפטיגע טעקסטילן. דער FIC וועט פארבעטן, שאצן און האבן אויפזיכט איף פראיעקטן פאקוסירט אויף אדרעסירן אינדוסטריע ארויספאדערונגען און געלעגנהייטן, מיט זכות קדימה געגעבן פאר די וואס האבן א חלק אין ניצן ניו יארק סטעיט פראדוקטן און מאטעריאלן, און קולטיווירן טעכנאלאגיע וואס פארשנעלערט שטאנדהאפטיגקייט אין די קליידונג מאדע און טעקסטיל אינדוסטריע. דורך א פארמעסטערישע פראצעס וועט דער FIC פארזארגן גרענט פינאנצירונג צו ניו יארק סטעיט קלענערע ביזנעסער אין די קליידונג מאדע אינדוסטריע, אנבאטנדיג א קריטיש-וויכטיגע קשר צווישן אינדוסטריע פירער און אינאוואציע און שטיצנדע פראיעקטן וועלכע צילן אויף צו פארבעסערן אינדוסטריע שטאנדהאפטיגקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418